בעזרת השי"ת

# אור עינינו

**עיני** תמיד אל ה', כי
הוא יוציא מ**רש"ת** רגלי
(תהילים כ"ה ט"ו)

שנה ב' - גליון א' (י')

חודש ניסן
תשע"ה לפ"ק

א **ליכטיגקייט** פון התחזקות, התעוררות, עצות, פראקטיק, איבערן ענין פון **טעכנאלאגיע** און **שמירת עינים**

## עיני העדה

**דרשות הרבנים הגאוה"צ שליט"א**

... ואני תפלתי לך ה' עת רצון – ווען ס'איז געקומען מיט א רצון, דער כלל ישראל ברבבותיו האבן זיך פארזאמלט און האבן געפילט אז עס איז געקומען די צייט צו מאכן גדרים וסייגים, **די איסורים, בל יעבור עלינו פורץ גדר דער אינטערנעט מיט אלע זיינע תולדות, וואס האבן גורם געווען חורבנות פון בתי ישראל.**

... אזוי ווי די רצון ה' איז אז אין יעדן דור זענען מחוייב די בתי דינין לעמוד בגדר ולעשות גדרים וסייגים, איז מען זיך היינט צונויפגעקומען לעשות גדרים וסייגים, **און אוועקצולייגן די יסודות אויף דער עתיד פון די מעגליכקייט וואס דער רודף דער אינטערנעט זאל מאכן אזא חורבן ווי ער האט געמאכט ביז יעצט.**

... דער תכלית פון די אסיפת קודש לשם שמים, צו זאגן פאר הקב"ה כולם נקבצו באו לך, לכבוד ה' ולכבוד תורתו הקדושה, וועגן קדושת ישראל לדורות.

**... אויב א איד האלט רחמנא יצילנו דעם פורץ גדר אין שטוב, איז אן איסור חמור און א חרם על פי תורה אז מ'טאר נישט מבקר זיין די שטוב.**

**... עס איז א דבר פשוט אז די אלע גדרים זענען נישט קיין חומרא וחסידות, נאר חובה על פי התורה על כל אדם מישראל הירא והחרד לדבר ה', און ווער עס איז נישט מקבל אויף זיך די גדרים איז א פורץ גדר מיט אלע תוצאות פון א פורץ גדר וואס די תורה הקדושה האט קובע געווען.**

... דער זעלבער איסור און דער זעלבער חוב איז חל אויף די מוסדות החרדים, ישיבות גדולות און ישיבות קטנות, בתי חינוך לבנות, בנות ישראל הצנועות, עס ליגט אויף די הנהלות המוסדות, די הנהלת הישיבות, אויף די ראשי ישיבות און אויף די מרביצי תורה א חוב גדול אז עס זאל נישט נפשט ווערן אין די חבורה פון די תלמידים אפילו איין תלמיד וואס ער איז נגוע, וואס ער איז אנגעגריפן פון דעם באצילן פון אינטערנעט, וואס דער איינער תלמיד קען זיין א גורם אריבערצוברענגען דאס צו די אנדערע תלמידים.

**...אן איסור גמור אויף מוסדות החרדים, אז זיי טארן נישט אריינעמען א תלמיד פון א משפחה וואס איז מחזיק אינטערנעט באיסור**, אן איסור גמור אויף די מוסדות החינוך פון אידישע טעכטער, אז זיי טארן נישט אריינעמען א תלמידה וואס קומט פון א משפחה וואס איז נישט מקפיד, מ'איז פורץ גדר אין דעם אינטערנעט.

מתוך דברות קודש של הגאון האדיר בעל "שבט הלוי" (שליט"א) זי"ע
אצל "כינוס כלל ישראל – הצלת הדורות" א' במדבר תשע"ב

## עין המחשבה

מיין טייערע בחור'ל ני"ו.

ס'איז שווער צו שילדערן אויף א פשוטע שטיקל פאפיר, די לעבעדיגע געפילען וואס נעמט מיר ארום ווען ס'קומט די יעצטיגע בין הזמנים טעג.

ברוך ה', איך מיט דיין טייערע מאמע האבן באקומען זייער גוטע גריסען פון דיינע משגיחים און מגידי שיעורים, אלע טוען באוואונדערן ווי דו ביסט באמת געשטיגען אין אלע הינזיכטן, סיי אין לערנען, סיי אין מדות, און ווי אויך דיין דאווענען, און דער זמן אין ישיבה האסטו באמת אויסגעניצט ווי א בר דעת.

**בְּנִי, בְּנִי, בְּנִי, אַל תֵּלֵךְ בְּדֶרֶךְ אִתָּם**

**א אפענע בריוו צו מיין זוהן...**

גליקליכע מינוטען איז פאר אונז יעצט, ווען ס'קומט די בין הזמנים טעג ווען מיר וועלן קענען שעפען פון די נאנט די נחת, און זעהן מיט אונזערע פליישיגע אויגן די שיינע פירות וואס דו גיסט ארויס, דו וועסט אהיימקומען פון ישיבה, און דו וועסט בעזהשי"ת באלייכטען די גאנצע שטוב מיט דיין ספעציעלע התנהגות.

ווען מיר בלעטערן צוריק די זכרונות, און מ'דערמאנט זיך די ערשטע תקופה פון דיינע קינדערישע יארן ווי מ'האט זיך אפגעגעבען מיט דיר אזוי ספעציעל, דערמאנט מען זיך אויך די גרויסע מיה וואס מ'האט מיט אלע כוחות פרובירט אין דיך אריינצולייגן.

ווען מ'האט באמערקט אז דו דארפסט האבן הילף אין קריאת האותיות, האבען מיר איבערגעדרייט וועלטן אז דו זאלסט קענען ליינען גרינג און געשווינד, און ווער רעדט נאך וויפיל תפילות דיין מאמע האט פאַרגאָסן אין די תהלים'ל אז דו זאלסט קענען אויפכאפען די הייליגע אותיות פון די תורה, און דו זאלסט זיין א כלי מחזיק ברכה צו פארשטיין לערנען און קענען שטייגען אין חכמה נאך אין נאך.

מיט אסאך תפלות און מיה האט די אייבישטער אונז מזכה געווען אז מ'זאל קענען אויסטרעטען א גלייכע וועג און דו האסט זיך ב"ה אזוי שיין מיטגעכאפט מיט דיין גאנצע כתה. צוביסלעך האט מען באקומען פון דיך נאך און נאך גוטע גריסען, פון די מנהל אין חדר און פון די מלמדים אין כתה.

ווער קען דען שילדערן אונזערע געפילען

עמוד ג' »

טובים מאורו"ת שברא אלוקינו, הלא הוא גליונינו **אור עינינו**, אשר תלי"ת זכינו להאי"ר עיני בני ישראל במנין של אורו"ת.

תלי"ת זכינו שגליונינו הקודש המאי"ר את העולם זה שנה זכה לחיבה יתירה בין כל שבטי ישראל, ומחבבין אותה בקריאה של חיבה, הן בין הני שאין משתמשים בכלל בשום כלי הטעכנאלאגיע, להתחזק לעמוד איתן בל יפולו ברשת, והן בין הני המשתמשים בהכלים השונים, להתחזק להעמיד גדרים וסייגים מעולים לבל יכשולו, ובעבור ההתעוררות של הגליון עשו הרבה מעלה לטובה להרבות יותר בקדושה וטהרה בענינים אלו, הן בעזיבת הסמארטפאון לגמרי, או בעשיית מסוננת טובה ומוכשרת על הכלי מכשירים.

מצד אחד עומדים אנו במלחמה כבידה של נסיון הדור, הסכנה הגדולה של הכלי הטעכנאלאגיע והאינטערנעט המשחית ומכלה כרם בית ישראל באופן נורא ואיום, וכל לבב דוי וכל ראש לחלי מפגעי הזמן והנסיונות הנוראים המתחדשת בכל יום חדשים לבקרים, ורבים חללים כבר הפילה, 'עס פליען באמבעס און קוילן פון אלע זייטן, און עס קאסט ליידער פילע קרבנות', זקנים עם נערים, קטנים עם גדולים, אנשים ונשים בלי יוצא מן הכלל השם ישמרינו,

אבל לא אלמן ישראל, וכפי ששומעים מהני שלשה חבורת שומרי משמרת הקודש, ד'ישראל קדושים המה' ובכל יום ויום באים אנשים להטיל מסוננת טובים ומוכשרים החסום מזרם העולם, ואפילו אלו הצריכים להם להיות מקושר בעבור פרנסתם נתבעים ונותנים לבם לשמים במסירת נפש להעלות דרגות בקדושה, להציל להם נפשם ונפש בניהם.

ואין לנו עצה אחרת אלא לחזק ולהתחזק ועוד הפעם להתחזק, לשנן הדברים - דברי חז"ל ודברי רבותינו המסורים לנו בחומר הענין הנורא הזה.

וכאן המקום להביע תודותינו העמוקות להני אנשים אשר עוזרים ומסייעים, הן בממון בכתיבה, והן בהפצה, והקב"ה יהא בעזרם להתברך בכל מילי דמיטב, ויתברכו בברכת "המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו", וירוו רוב נחת דקדושה מהם ומיוצ"ח, עדי נזכה לביגוא"צ בב"א.

**וכל בית ישראל יבכו את השרפה אשר שרף ה'**

בעת הליכה לדפוס בערב חג הפסח התקבלה הבשורה הקשה כי ניצחו אראלים את המצוקים ונשבה ארון אלוקים,
בפטירתו של מרנא ורבנא עמוד ההוראה, צדיק וקדוש, פוסק הדור, הגאון הגדול האדיר
מרן רבי **שמואל הלוי וואזנער** בן מו"ה **יוסף צבי** זכותו יגן עלינו הכ"מ, **בעל שבט הלוי** וגאב"ד זכרון מאיר
**אֲבָל יָחִיד עֲשִׂי לָךְ: אשר הוא האיש אשר הרעיש עולמות בעניני טעכנאלאגיע, וכמעט לא היה דרשה ברבים אשר לא ישמיע דברו בענינים אלו.**

הגליון הנוכחי - שנתנדבה ע"י תלמידיו שיחיו - והכנסנו פה כמה מאמרים לזכות רפואתו - והשתא נהפך לאבל - יהיה כעת לעילוי נשמתו בגנזי מרומים

# א הארץ רייסענדע בריוו פון א פרוי איבער איר מאן וועלכער איז פארכאפט געווארן אינעם ביטערן נעץ פונעם סמארטפאון

לכבוד די וועלט בארימטע גליון אור עינינו.

איך בין נישט געאייגענט צו שרייבן בריוון, איבערהויפט ווען די וואונד איז נאך טיף אפן, און מיט יעדע שורה שפיר איך ווי איך שנייד אריין אין טיפע שטיקער אייטער, אבער איך וועל פראבירן איבער צו קומען מיינע געפילן, מיט האפענונג אז עס וועט דינען ווי אן אויג-עפענער פאר אנדערע וועלכע האבן נאך נישט גענומען דעם וועג, און פאר א זכות צוריק צו ברענגען דעם אמאליגן גלאנץ ביי מיר אין שטוב.


**...הערנדיג די געשמאקע גריסן בין איך געווען גליקליך ביז גאר, אבער פיל פיל בעסער איז געווען נאך די חתונה ווען איך האב געזען די ווארהייט מיט די אייגענע אויגן, ווי מיין מאן זיצט און לערנט בייטאג און ביינאכט אין צייט וואס איך ברענג אריין א מאגערע פרנסה אויסצוהאלטן די שטוב...**


נ י ש ט אזוי שנעל האט מאן טאטע מסכים געווען אויף א שידוך. ער האט זיך געוועלט און געקליבן ביז ער האט אריין גענומען ביי זיך אין שטוב א פאסיגע בן תורה און ירא שמים פון א שיינע שטוב און פון א גאנץ גוטע ישיבה.

**הערנדיג די געשמאקע גריסן בין איך געווען גליקליך ביז גאר, אבער פיל פיל בעסער איז געווען נאך די חתונה ווען איך האב געזען די ווארהייט מיט די אייגענע אויגן, ווי מיין מאן זיצט און לערנט בייטאג און ביינאכט אין צייט וואס איך ברענג אריין א מאגערע פרנסה אויסצוהאלטן די שטוב.**

בערך 6:30 יעדן פארטאגס איז ער שוין נישט געווען אין שטוב, לערנענדיג פלייסיג מיט א חברותא פאר'ן דאווענען, און נאכ'ן דאווענען האט ער זיך באגנוגענט מיט א שנעלע פרישטאג כדי זיך צוריק צו איילן אין כולל.

כאטש וואס מיין געהאלט האט נישט געקלעקט פאר צופיל מער ווי דאס מינימאלסטע, איז מיר די שווערע טעגליכע ארבייט געווען זיסער פון האניג, וויסענדיג אז איך העלף ארויס מיין מאן זיצן און לערנען פלייסיג מיט אן אמת'דיגקייט.

*

**זייער שווער קומט מיר אן צו שרייבן די פאלגענדע שורות. עס איז פאר מיר ווי אן אפען-הארץ אפאראציע, אבער איך וועל פראבירן זיך שטארקן מיט א גייסטישע שטארקייט און אוועק לייגן די שווערע געפילן אין א זייט, כאטש צו ראטעווען אנדערע אידן נישט ארייןצופאלן אין דעם ביטערן זומפ.**

בערך א האלבע יאר נאך די חתונה איז עס געווען, ווען מיין חשוב'ער מאן האט מיר פארציילט אז רוב פון זיינע חברים דרייען זיך ארום מיט סעלפאונס - ער קלערט אז עס געקומען די צייט צו ווערן א "נארמאלע מענטש" צווישן אנדערע.

נישט אריין קלערנדיג צופיל האב איך צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ - אן אפילו פרעגן וועלכע סארט סעל ער קלערט פון קויפן - נישט וועלענדיג צושטערן די רואיגע שטימונג אין הויז.

אזוי אויף האב איך קיינמאל בעפאר דעם נישט געוואוסט די הארבקייט דערפון, און געקלערט אז עס וועט מיר טאקע גרינגער מאכן אנצוקומען צו אים אין וויכטיגע צייטן.

א טאג דערויף איז מיין מאן אהיים געקומען מיט א "סמארט-פאון", דערציילנדיג אז ער האט נישט געפלאנט זיך איינצוהאנדלן אזא סארט פאון, נאר דער פארקויפער האט אים איבערגערעדט דערצו מיטן אויסרייד - אז די אנדערע סארט זענען אַלטמאָדיש וואס קיינער קויפט שוין נישט. - נאך מער זאגט ער - מערסטענס זאכן קען מען היינט בלאַקן און עס איז נישט קיין שום פראבלעם צו האבן אזא סארט פאון, - "כאטש וואס אלע רבנים ווארענען און אויפהערן אז זיי האבן אליינס מיטגעהאלטן וואו מענטשן גייען צוגרינד דערפון".

**ווי עס פאסט פאר אן איידעלע אינגערמאן האט ער טאקע אלעס בלאקירט, אבער נאך יענעם טאג נאך מעריב איז מיין מאן שוין אהיים געקומען היבש שפעטער ווי געוועהנטליך, וויבאלד ער איז געווען פארנומען זיך צו באקענען מיט'ן נייעם "שפילצייג". עכ"פ דאס איז וואס ער האט געזאגט.**

איך האב געהאפט אז דאס איז געווען אן איינמאליגע ערשיינונג, און זיך זעלבסט בארואיגט אז דאס איז בלויז דער ערשטער טאג, אבער וואס א טאג שפעטער האב איך אלץ מער און מער געזען ווי ער ווערט גענצליך איבערגעדרייט צו אן אנדערער מענטש. ער איז מער נישט דער זעלבער וועם איך האב געקענט א האלבע יאר צוריק!

זיין צוגעבינדנקייט צום סמארטפאון האט מיך געמאכט שפירן ווי א לעבעדיגע עגונה - האבנדיג א מאן וועלכע איז נישט בלויז כמעט נישט אינדערהיים, נאר אפילו ווען יא, זיצט ער איינגעזינקן אינעם שפילצייג און האט נישט קיין צייט צו רעדן עטליכע זאצן מיט מיר אן קיין איבעררייס.


**...זיין צוגעבינדנקייט צום סמארטפאון האט מיך געמאכט שפירן ווי א לעבעדיגע עגונה - האבנדיג א מאן וועלכע איז נישט בלויז כמעט נישט אינדערהיים, נאר אפילו ווען יא, זיצט ער איינגעזינקן אינעם שפילצייג און האט נישט קיין צייט צו רעדן עטליכע זאצן מיט מיר אן קיין איבעררייס...**


**א רחמנות געפיל האט מיר ארום גענומען זעענדיג ווי די סמארטפאון בינדט אים ארום מיט דיקע שטריק - און איך האב אנטוויקלט א טיפע פיינטשאפט צו דעם סמארטפאון, וועם איך באטראכט אלץ דער וואס האט גע'גנב'ט מיין מאן.**

נאכ'ן אהיים קומען שפעט נאכט נאך נאכט וויבאלד ער האט פארברענגט מיט זיין (געבלאקטן) סמארטפאון האט ער צוביסלעך אנגעפאנגן פארשלאפן, ביז זיין פארטאגס חברותא'שאפט איז עמטליך געווארן אפגעשטעלט, און זיין אמאליגע באַחן'טע ערנסטקייט איז וואס א טאג שפעטער מער פארשוואונדן געווארן.

צומאל בין איך געווארן איבערגענומען מיט בייזע געפילן, נישט פארשטייענדיג וויאזוי מען לאזט די ווייב און קינדער אויפ'ן וואסער בלויז זיך אינטערצוהאלטן מיט די לעצטע וויצן פון פארשידענע גרופעס, אבער איך האב אלץ באהערשט מיינע געפילן, אנערקענענדיג אז דא האנדלט מען מיט א נעץ וואס איינמאל מען פאלט אריין דערין קען מען זיך שווערליך ארויס זען, און מען קען אים נישט באשולדיגן.

*

איך האב נאך פולע דעטאלן וואס די טרוקענע פאפיר קען פארנעמען, אבער עס איז מיר זייער אומבאקוועם אריין צו גיין מער אינערליך אין מיין פערזענליכע לעבן, ווי אויך זיך איך נישט אז מיינע ווערטער זאלן מיר אנטפלעקן.


**...מיין לעבן איז יעצט ליידער ביטער, איך האב נישט קיין גשמיות און נישט קיין רוחניות, דער זיסן טעם פון א שבת סעודה איז פארשוואונדן אינגאנצן, די זיסקייט אין אונזער שטוב וועלכע איז געווען דא די ערשטע האלבע יאר איז ווי נעלם געווארן...**


מיין לעבן איז יעצט ליידער ביטער, איך האב נישט קיין גשמיות און נישט קיין רוחניות, דער זיסן טעם פון א שבת סעודה איז פארשוואונדן אינגאנצן, די זיסקייט אין אונזער שטוב וועלכע איז געווען דא די ערשטע האלבע יאר איז ווי נעלם געווארן, איך פראביר אויפן שטערקסטן אופן אז ער זאל חלילא מיך נישט פארכאפן אין דעם ביטערן נעץ, און איך שרייב די פאר שורות פאר מיין אייגענע חיזוק, אז איך זאל מיך נישט לאזן דערפון.

אזויפיל האף איך נאר אז מיינע געציילטע שורות זאלן גרייכן די אויערן פון די וועלכע זענען נאך נישט אריבער דעם גרעניץ, זיי זאלן וויסן אוועק צו שטיין דערפון ווי פון פייער, ווייל איינמאל מען בריהט זיך אפ איז ביטער שווער זיך צו היילן!

*

אלעמאל האב איך מיר געוואונדערט וויאזוי עס האט געקענט זיין אמאליגע צייטן דעם באגריף אז מענטשן זאלן זיך פארקויפן פאר קנעכט פאר אנדערע. יעצט גייט מיר דער באגריף צום ערשטן מאל אריין אביסל אין קאפ, זעענדיג ווי מענטשען צאלן חודש'לעך געלט זיך אליינס צו פארקויפן אלץ שקלאַף, נישט פאר א צווייטע מענטש, ניטאמאל פאר אן אייזל, פערד אדער מאַלפּע, נאר מען ווארפט זיך אינטער אינטערן יאָך פון א 4-עקיגע כלי פון וועם מען לאזט זיך דיקטירן טריט און שריט אין לעבן, אפילו ביים שלאפן גיין.

**די צושטאנד אין מיין שטוב האט מיך זייער צובראכן, אבער א שטיקעלע טרייסט האט איך באקומען ווען ענקער גליון איז אינטערגעקומען אין מיינע הענט,** זעענדיג אז עס זענען נאך פארהאן אידן אויף די וועלט וואס פארשטייען די הארבקייט דערפון און פראבירן מעורר צו זיין אנדערע.

נאכ'ן דורך ליינען אייערע גליונות עטליכע מאל שוין, האב איך באשלאסן אריין צו שיקן עטליכע ווערטער איבער מיין אומפארענדיגטע געשיכטע. און איך וויל אויספירן מיט א הייסע געבעט:

**טייערע ברודער און שוועסטער! פון מיינע טיפע אנגעווייטאגטע הארץ קעמערלעך בעט איך זיך צו אייך. לאזט אייך נישט נארן פון די בליטשקעדיגע קליפערלעך אויף די סמארטפאונס.** שטייטס אוועק דערפון ווי פון פייער. עס קען אויסקוקן זייער נאאיוו און זארגלאז, אבער איינמאל מען קומט נאנט דערצו און מען זעט שוין די ווייטאג דערפון איז זייער שווער זיך אוועק צו רייסן. מאכטס נישט דעם טעות וואס איך האב געמאכט, נאר פראבירט מיט א ווייעכקייט אראפ צו לייגן א פיס נאך פאר עס איז צו שפעט, צו זאל עס זיין א מאן פאר זיין פרוי אדער פארקערט.

איך בעט כסדר ביים באשעפער אז מיין מאן זאל ארויס קריכן פונ'ם טיפן זומפ, און די מנוחה ושלות הנפש זאל זיך צוריק קערן צו מיין שטוב אזויווי אין די אמאליגע גוטע צייטן.

אפשר וועט די זכות פון ווארענען אנדערע זיך צו באהיטן און זיין פון די מזכי הרבים ברענגען א ישועה פאר מיר - און ווער ווייסט אפשר וועט עס גאר געליינט ווערן דורך מיין מאן און האבן א פאזיטיווע ווירקונג אויף אים.

יישר כח פארן אפדרוקן מיינע פאר שורות וועלכע ווערן געשריבן מיט זודיגע טרערן.

(ח.ל.פ מאנסי)

## עין המחשבה

« עמוד א'

ווען ס'איז געקומען דיין בר מצוה, איך גדעדנקט נאך ווי היינט ווען אפאר מינוט איידער מיר זענען ארויסגעגאנגען צו די זאַל האט דיין מאמע אראפגעלאזט נאך אפאר הייסע טרערן אין איר תהילים'ל אויסגעמישט מיט שבח והודאה צום בורא כל עולמים אז מ'האט זוכה געווען דיך צו זעהן אזוי גליקליך ווען דו גייסט אריין לעול התורה והמצות.

וויפיל קאָפּ, האַרץ, און כוחות האבען מיר אריינגעלייגט אז דו זאלסט אריינגיין אין א ישיבה וואס זאל זיין א פאסיגע פלאץ ווי דו וועסט קענען פארברייטערען דיינע כשרונות און אויספירען דיין שאיפות אין תורה ועבודה.

ב"ה, די גוטע גריסען וואס מיר באקומען פון דיר זענען אסאך מער וויפיל מיר האבען ערווארטערט, די גאנצע הנהלה פון די ישיבה קענען נישט אויפהערען צו רעדען מיט התפעלות פון דיין התנהגות און דיין לערנען.

אבער טייערע קינד, זאלסט זיין געזונט און שטארק, ווי ווייט ס'כאפט אונז אָן א התרגשות פון שמחה לכבוד דיין אהיימקומען בין הזמנים, **אבער נישט ווייניגער כאפט אונז אָן א ציטער אז דו זאלסט צוריקגייען אין ישיבה קומענדיגע זמן כאטשיג אזוי ווי דו ביסט אהיים געקומען.**

ס'נישט קיין סוד, מיין טייערע קינד, אז ס'איז דא א מבול אויף די גאס, די יעצטיגע תקופה געפינען מיר זיך אין איינע פון די גרעסטע נסיונות וואס איז פארהאנען זייט בריאות העולם!

די טריפענע טעכנאלאגיע וואס זענען געאסר'ט געווארן דורך אלע גדולי ישראל, רייסט לײדער גאנצע שטיקער, אויב מ'האלט זיך נישט אָן פעסט און שטארק אין די גדרים וסייגים וואס די צדיקי וגדולי הדור האבען פאר אונז אויסגעטרעטען, קען מען זיך נישט האלטען!

ספעציעל דרייט זיך די "בעל דבר" ארום די **"ישיבה בחורים"** וואס קומען אהיים **"בין הזמנים"**. מיט בלוטיגע אכזריות'דיגע אויגען חלש'ט ער אריינצוכאפען אין זיין "נעץ" די בעסטע סחורה וואס כלל ישראל פארמאגט – דאס זענען דאך די בחורי ישראל שלא טָעֲמוּ... וואס די 'בעל דבר' וויל אז זיי זאלען שוין איינמאל זיין טָעֲמוּ דבר חטא ה"י.

פון די בעסטע אין די שענסטע זענען שוין לײדער גע'שחט'ען געווארען לעבעדיגערהייט אין זיין "נעץ", ס'הייבט זיך אָן טאקע מיט קליינע שפאלטענס, מיט אזעלכע לעכערליכע מחשבות ווי "יענער האט דאך דאס", "איך בארג דאס נאר פאר איין מינוט", און אזוי ווייטער און ווייטער, אבער דער "שפאלטענעס" ווערט אין סעקונדע'ס פארברייטערט צו שרעקעדיגע גריבען וואס שלינגט איין דאס בעסטע און דאס שענסטע לשאול תחתית!

**ער מיינט אז ווען ער וועט האבען "נאר טעקסט", "נאר" א 'קליינע' שפאלט (וואס איז באמת א 'גרויסע') וועט ער זיך קענען א עצה געבען, אבער ער ווייסט גארנישט (און אפשר ווייסט ער יא, נאר...) אז די נאנטע היסטאריע האט געוויזען אז דער סארט מחשבה'לעך וואס קומען צו לידי מעשה זענען געווען די התחלה פון די גרויסע 'גליטש' וואס די שענסטע און די בעסטע בחורים זענען צוקנאקט געווארען, און געווארן אויסגעלאשען אינגאנצען נישט נאר ברוחניות, נאר אויך נעבעך... בגשמיות... און ווער רעדט נאך פון א שידוך ה"י...**

---

**מיין טייערע קינד! איך ווייס אז דו ביזט א גוטע בחור, האסט גוטע שאיפות, און דו ביזט ווייט פון אלע בייזע ווינטען, אבער וויסען זאלסטו אז די ווינטען וואס בלאזן היינט זענען נישט די געווענליכע ווינטען...**

**אויב ח"ו וועט דיר איינע פון דיינע "חברים" דיר פראבירען קאַלט צו מאכען א "חוט השערה" זאגנדיג "ס'נישט אזוי געפערליך ווי די ראשי ישיבות מאכן עס", אדער, "דיך מיינט מען נישט", א. א. וו. אנטלויף פון איהם!**

---

אונזער הארץ צוגייט פון פחד אז דו זאלסט בלייבען גאנץ, מ'זאל דיך קענען חתונה מאכן מיט א ערליכע שטוב, אין דו זאלסט

## עין החיזוק

דער רבש"ע וויל דיר געבן אלעס גוטס:

# דיינע אויגן, דער סעקיוריטי טשעק-פוינט צו באקומען השפעות, ישועות, רפואות!

**יסוד היראה הוא הנסיון, כי עיקר היראה ניכרת בעת הנסיון, וכמו שניכרת היראה ביצר נשים כך ניכרת בכל מיני יצרים, [יראה אותיות ראי']. והקב"ה אינו מביא הכל בנסיון, אלא כשמדבר לעשות טובה לאדם, בא השטן שהוא מידת הדין לפני הקב"ה ואומר, רבש"ע לא יתכן לעשות לו טובה עד שיעמוד בנסיון.** (ספר חסידים סי' י"ג)

**מורא'דיגע דיבורים!** ווען דער רבש"ע וויל דיר געבן א גוטע זאך, ער וויל דיר צושיקן א גוטע פרנסה, ער וויל דיר געבן געלט, ער וויל דיר געבן א גוטע שידוך, ער וויל שיקן א רפואה שלימה. ער וויל דיר געבן גוטע קינדער, ער וויל דיר העלפן אין דיין פראבלעם. שיקט ער קודם א נסיון, און ערשט דערנאך אויב דער מענטש טוהט ביישטיין דעם נסיון דאן קען ער באקומען דעם טובה.

יעדע נסיון וואס קומט דיר אינטער, זאלסטו וויסן ביי זיך אז יעצט איז עס, יעצט איז דער "טעסט" וואס דער אויבירשטער גיט דיר צו זעהן אויב דו וועסט ביישטיין, כדאי דיר צו קענען געבן די טובה.

ווען דו זעצט דיך אראפ צום קאמפיוטער, דו נעמסט דיין סמארטפאון, דו גייסט אויפן גאס, דאן ביסטו ביים גליק-שיסל, דו שטייסט יעצט פארן פלאץ פון באקומען א מיליאן דאלער, דו הייבסט אן צו ארבעטן, ערלעדיגסט אפאר זאכן אויפן אינטערנעט - אפילו געפילטערטע, און אינמיטן קומט אריין אומגעוואונטשן א אומאיידעלע בילד, די יצר הרע הייבט אן צו ארבעטן אויף דיר, "כאפ א קליינע בליק! גיב נאכמאל א דריק! קוק נאר איינמאל! קוק עס נאר אן איין מינוט! וועסט דאך אזוי שטארק הנאה האבן פון קוקן, עס איז א שאד צו פארפאסן, וועסט שוין נאכדעם תשובה טוהן! (האומר אחטא ואשוב אין מספיקין בידו לעשות תשובה). וואס טוסטו שוין דא, עס איז נישט קיין עבירה, דו ביסט א אונס, דו טוסט נישט גארנישט בפועל נאר דו זעסט מיט די אויגן, סך הכל האסטו נאר געדריקט די מייזל און ס'געגאנגען פון זיך אליינס ווייטער!"

דו פילסט ווי דו ברעכסט אינטער און דו ווילסט שוין געבן דעם איסור'דיגן בליק, אבער אין די לעצטע רגע גיבסטו דיר א דערמאן, **"יעצט איז מיין שאנס! איך שטיי יעצט פארן נסיון! יעצט זיצט איך ביים גליק-שיסל! מלאכי מעלה און הקב"ה בראש שטייען יעצט אוןווארטן צו זעהן אויב איך וועל מיך קענען מתגבר זיין אדער חלילא פארקערט ח"ו**, איך בין יעצט ווי אברהם און יצחק אבינו פארן עקידה, איך קען יעצט ביישטיין דעם נסיון און זיין פון די קדושים וטהורים און נאכדעם וועט מיר עס שוין זיין אסאך גרינגער, און זיך נישט דארפן יעדן טאג מוטשענען, (אדם מקדש עצמו מלמטה מקדשים אותו מלמעלה, הבא לטהר מסייעין אותו, ועוד), דער אויבירשטער וויל מיר געבן עפעס גאר א גוטע זאך אבער נאך אויב איך טוה ביישטיין דעם נסיון! עס איז טאקע שווער, איך פיל "איך מוז" געבן א קוק, אבער דאס וויל מען יעצט פון מיך! **"איך גיי ארויסגיין א געווינער! איך גיי נישט פארפאטשקענען מיין גאלדענע שאנס צו זיין א געווינער!"**

איך שטיי יעצט ביי "ענטרענס" פון גליק! ביים "סעקיוריטי טשעקפוינט" צו קענען אנקומען צום גליקליכן לעבן פון כל טוב! אויב איך טוה דעם ביישטיין דאן קען איך גיין ווייטער, אויב אבער איך פאל אדורך מיט דעם, דאך פארליר איך אלעס, איך טוה אלעס אנווערן!

**וו..א...ס... פאר דעם נארישן בילד וועל איך פאלן ווי א פליג און אדורכפאלן, און נאכדעם מיליאן מאל חרטה האבן, און זיך נאכמאל פאַרנעמען אז איך גיי מער נישט קוקן. "יעצט איז די נעקסטע מאל פון וואס איך האב פריער גערעדט"! איך האלט מיך צוריק און איך גיי נישט קוקן.**

יעצט שטיי איך שוין נאכמאל פארן נסיון, און איך קען יעצט זיין בעל הבית אויף מיר! איך וועל ווייזן פאר דעם מלך זקן וכסיל אז ער האט מיר נישט אין זיין נעץ! דער גרויסער אינטער-נעץ וואס ער האט אויסגעשפרייט אויף די גאנצע "ווארלד-וויַיד-וועב" פאר אינג און אלט, איך בין טאקע שוין עטליכע מאל אריינגעפאלן דערין, אבער נאו-מאר דאסמאל בין איך בעל הבית! איך לאז מיך נישט פון אים.

עס איז א ביזנעס דיעל וואס דער אויבירשטער וויל מאכן מיט דיר, און ער דארף נאר א קלייניגקייט פון דיר צו קענען שליסן דעם קאנטראקט, "דיינע צוויי אויגעלעך". ער בעהט היט אפ דיינע צוויי אויגן וואס איך האב דיר געגעבן, און ווען עס קומט דיר אינטער א נסיון, טוה עס ביישטיין! און דאן וועל איך דיר געבן אלעס גוטס!

קענען אויפשטעלען הערליכע היימישע דורות, וויסען זאלסטו גוט אז יעדע קליינע "שפאלט" אין די ענינים וואס קומט אינטער "בין הזמנים" קען ח"ו קאליע מאכן דורי דורות!

**מיין טייערע קינד! אם לא למענינו עשה למענך!**

מיר זענען זיכער אז דו וועסט זעהן מיט אלע כוחות אז ס'זאל נישט רינען פון אונזערע אויגען בלוטיגע טרערן אויף די קישענע'ס ביינאכט, און אנשטאטס דעם זאלן מיר זעהן פון דיר און דיינע דורות נאר יודיש נחת מיט טרערען פון שמחה!

# ממעיני הישועה

ערציילונגן פון אידן וואס האבן געזעהן **ישועות ונפלאות** בזכות פון **שמירת עינים** און פון זיך היטן פון **טעכנאלאגיע שלא ע"פ תורה**.

בזכות שמירת עינים:

## געראטעוועט דאס לעבן פון א גאנצע באס און געהיטן פון א באמבע

א איד איז ארויף אויף איינע פון די באסעס אין ארץ ישראל אנצוקומען צו זיין באשטימטן פלאץ, ארויפגייענדיג האט ער זיך אראפגעזעצט אין די פאדערשטע זיצן פונעם באס, שפעטער אבער ביים נעקסטן סטאנציע זענען ארויפגעקומען אפאר פרויען וועלכע האבן זיך אויך געזעצט פארענט פון אים. היות ער איז זייער נזהר געווען אין שמירת עינים, האט ער זיך גלייך אויפגעשטעלט און זיך געזעצט אין די אינטערשטע זיצן פונעם באס.

אזוי פארענדיג איז ער איינגעשלאפן, און ער זעהט אין חלום ווי איינער שרייעט אויף אים, **"פארוואס שלאפסטו? שנעל שטעל דיך אויף! אינטער די באנק ווי דו זיצט איז דא א באמבע וואס גייט אויפרייסן! שנעל אייל דיך צו און לויף!"**

ער האט זיך אויפגעוועקט מיט א שרעק און א איילעניש, און געט א קוק אינטער זיין באנק צו זעהן אויב עס איז אמת זיין חלום, צו זיין גרויסן שאק זעהט ער דארט א פארדעכטיגטע פעקל! די מצב איז שרעקליך, גאר שנעל איז ער געלאפן צום דרייווער אים צו מעלדן איבער דעם, און בליץ שנעל האט מען אפגעליידיגט די באס פון מענטשן, און גלייך האט מען גערופן די 'פאליציי' וועלכע זענען אנגעקומען אינטערזיכן די פעקל, און זיך איבערצייגט אז עס איז דא דארט א שרעקליכע באמבע, און זיי האבן עס גלייך אומשעדליך געמאכט.

**נורא נוראות!!! בזכות פון די ביסעלע שמירת עינים פון דער אינגערמאן איז געראטעוועט געווארן זיין לעבן, און די לעבן פון צענדליגע מענטשן!!**

(קונטרס היופי והדרך להצלחה בשמירת עינים)

אויב האט איר א פערזענליכע ערציילונג וואס איר האט געזעהן א ישועה, ביטע שיקט עס אריין צו די מערכת, אדער רופט אריין און מיר וועלן עס אפשרייבן פאר אייך.

# ממנו ילמדו
## וכן יעשו

א בליק איבער אידן וואס ניצן **טעכנאלאגיע ע"פ תורה!**

## קטניות אדער טעכנאלאגיע?!

אלס א מתפלל אין איינע פון די גאר שיינע קהילות אין לעיקוואוד איז כדאי מפרסם צו זיין ברבים דער קידוש השם וואס איז פארגעקומען אין אונזער קהלה יעצט פאר פסח.

אונזער רב שליט"א וועלכער איז מעורר אונזער הייליגע קהילה בכל עת ועידן אויף די ברענעדיגע ענין פון טעכנאלאגיע וואס דאס איז די נסיון פון אונזערע דור.

האט ער אויך די פארגאנגענע וואך ביי שלש סעודות ארויסגעברענגט זייער שטארק די חומר הענין, און כדי לסבר את האוזן האט ער געזאגט מיט א ביטערע געלעכטער, **אויף אזעלכע וואס אויף "קטניות" זענען זיי מקפיד בכל התוקף, און אין די טאש האבן זיי די טריפה'נע אינטערנעט.** (בשעת ווען אויף פסולע אינטערנעט ווערט מען נכשל מיט לכה"פ 26 איסורי תורה...)

לא המדרש עיקר אלא המעשה! די רב שליט"א האט די לעצטע פאר טאג פאר פסח אריבערגעברענגט א טעקנישן אין ביהמ"ד, און בשעת די בני הקהלה קומען פאקויפן די חמץ ביי אים האט ער דערביי זיכער געמאכט אז אלע כלים פון די בני הקהילה זענען אויסגעהאלטן ע"פ תורה, און מבער געווען די אלע גיפטיגע חמץ וואס איז אסור נישט נאר פסח נאר א גאנץ יאר.

די רב שליט"א איז אריבער מיט יעדעם איינעם זיין מצב און האט ביי יעדעם איינעם באזונדער פריוואט שוקל געווען צו ער האט א געוויסע היתר אויף פרנסה וכו'.

בכבוד רב,
י. ג.
לעיקוואוד, ניו זשערזי

# אור החג

### צריך לבדוק ולשוב בתשובה על שפגם בעינו

**כל מקום שמכניסין בו חמץ צריך בדיקה,** (שו"ע סי' תל"ג ס"ג). רצ"ל שצריך כל אחד לבדוק, במקום שדרך היצה"ר הוא החמץ לשכון שם כל אחד לפי ערכו, **מי שדרכו לפגום בבריתו ח"ו או בעיניו ח"ו לראות במקום שאין רשאין לראות, צריך לבדקם ולבער ולשוב בתשובה ובחרטה גמורה שאל יעשה עוד עבירה,** ועל מה שעשה יחזור בתשובה שלימה ובודאי ימחול לו הקב"ה... (עבודת ישראל)

הגליון יוצא לאור ע"י **מפעל 'עינינו'** להרבות פעלים בחיזוק ועידוד נגד פגעי הטעכנאלאגיע

*Eineini Org - 1274 49th St. #166, Brooklyn, N.Y. 11219*
*Tell: (845) 459-5645 - Fax: (845) 678-3343 - EineiniOrg@gmail.com*

*Please make checks payable to: Eineini* - צו באקומען די גליון, ביטע רופט אריין אדער שיקט א פעקס

# עין ההתבוננות
## על מה עשה ה' ככה?

**מתקן זיין: 1) די אייגעריסענקייט פון טריפה'נע טעכנאלאגיע**
**2) כבוד ביהמ"ד רעדן ביים דאווענען און ניצן די טעלעפאן'ס אין ביהמ"ד**

נאך די שרעקליכע טראגעדיע פון הילד לייבי קלעצקי ע"ה (קיץ תשע"א לפ"ק) האב איך אנגעפרעגט ביים פוסק הדור מו"ר הגאון האדיר בעל שבט הלוי (שליט"א) זי"ע, איבער די שרעקליכע פאסירונג על מה עשה ה' ככה, און וואס ליגט אויף אונז מתקן צו זיין.

האט מו"ר דער שבט הלוי געענטפערט, איך בין נישט קיין נביא, אבער איך פיל צוויי זאכן וואס דארפן א תיקון ביים ציבור, איינס וועגן **די איינגעריסענקייט פון טריפה'נע טעכנאלאגיע**, און צווייטענס וועגן כבוד ביהמ"ד פון רעדן ביים דאווענען און **ניצן די טעלעפאן'ס אין ביהמ"ד.**

(געהערט פון תלמידו הנאמן הרה"ג רבי שמואל דוד פריעדמאן שליט"א, מח"ס שדה צופים ועוד)

# פסק הלכה של מרן בעל שבט הלוי (שליט"א) זי"ע

**בית הוראה**
בראשות מרן הגר"ש ואזנר שליט"א
רב אב"ד ור"מ
זכרון־מאיר - בני־ברק

בית, יום ...

זה כבר נתפרסם את ההלכה **בדבר אנשים שיש בידם או ברשותם מכשיר לא כשר כדוגמת אינטרנט לא חסום בחסימה מאושרת, או מכשיר אייפון. אנשים אלו בהלכה הם פרוץ.** ובהל' יחוד נשנו ההלכות שיש לנהוג עם פרוץ. **וכן היא דעת מרן שליט"א.** ובזמנו פסק מרן שליט"א לאלו הצופים בטלביזיה. שדינם פרוץ. וצריך להודיע זאת לאלו שלצערינו עדיין לא נשמעו לרבותינו שליט"א. ואינם מסלקים את המכשירים האסורים לגמרי בלא הוראת היתר.

בית הוראה – דבאבי"ד ור"מ – זכרון – מאיר – בני־ברק

**אומשאצבארע**
**זכותים**
**בזה ובבא!**

העלפט אונז אנגיין מיט די הייליגע ארבייט!

לע"נ אייערע נאנטע! פאר אייך א זכות!
**השפעות טובות! פרנסה! נחת! שידוכים!**
**זרע של קיימא! תשובה שלימה!**

**זייט מזכה את הרבים!**

**$500 זכות ה'גליון** | **$250 זכות ה'הפצה**
**$100 זכות עמוד** | **$50 זכות מדור**

דער גליון ווערט פארשפרייט אין **טויזענטער עקזעמפלארן** אין אלע **חרדישע געגענטער**, און **קאסט אפ גאר אסאך געלט**

**רופט שוין 845-459-5645**

מיר נעמען אן קרעדיט קארד אדער פעי-פאל

כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו!